# משיחת ליל שמח״ת תש״ל

בס"ד.

שיחת ליל שמחת תורה, קודם הקפות, ה'השי"ל. הנחה הת' בלתי מוגה

א. בנוגע לברכת שהחיינו, וואס מען מאכט בשמחת תורה, איז דאך ידוע שיחת כ"ק מו"ח אדמו"ר, פון פינף און צוואנציק יאר צוריק. אז דאס איז ניט בלויז ווי מען מאכט די ברכה בכל יו"ט שני של גליות, נאר בשמח"ת קומט צו נאך א ענין אין די ברכה, אז דאס מאכט מען דעם שהחיינו, אויף תורה.

דאס איז אויך פארשטאנדיק דערפון וואס מען זעהט אז שמחת תורה איז אנדערש פון אלע אנדערע יו"ט שני של גליות; ביי אלע אנדערע יו"ט, געפינט מען ניט קיין ספעציעלן נאמען פאר דעם יו"ט שני, ווי ביום ב' דר"ה ביום ב' דחג השבועות וכו', ובימים ראשונים דחה"פ, ואפילו בנוגע לימים אחרונים דחג הפסח, וואס עס ווערט אנגערופן בשם אחרון של פסח, איז דאך אבער דער נאמען גופא באווייזט און איז איהם מקשר מיט כל ימי הפסח, אז ער איז דער אחרון פון כל ימי הפסח.

שמח"ת אבער, האט . דאך א ספעציעלן נאמען וועלכער באווייזט אז דא קומט צו א ענין מיוחד על שמע"צ וכל ימי הסוכות דערמיט וואס עס איז שמחת תורה.

וכמבואר בגמרא אז שמא מילתא היא, ובפרט לפי המבואר בשער היחוד והאמונה, אז דער שם באווייזט על תוכנו של הדבר, ועד"ז בענינינו, אז ניט בלויז וואס דער נאמען שמח"ת באווייזט אז עס האט עפעס א ספיציעלן ענין, נאר עס באווייזט אויך אין וואס דער ספיציעלער ענין באשטייט – בענין התורה.

לפי"ז, איז דאס דער יסוד על שיחת כ"ק מו"ח אדמו"ר הנ"ל, אז דער שהחיינו איז אויך אויף תורה, ווארום פון דעם נאמען שמח"ת אליין פארשטייט מען ניט בלויז דעם ענין השלילה, אז ער איז ניט גלייך מיט די פריערדיקע ימי הסוכות און אויך שמע"צ, נאר אויף דעם חיוב שבזה, אז די הוספה איז בענין התורה, און אין דעם גופא באופן של <u>שמחת</u> תורה.

דעריבער מאכט מען די ברכה פון שהחיינו, שהוא על ענין הדש, אויף דעם ענין התורה וואס ווערט נתחדש און ער הויבט אהן נאך אמאל לערנען, און נאך מער: אין א אופן פון שמחה אין תורה, וכמבואר גודל מעלת השמחה, אז דעמאלט טוט ער דאס באופן אחר לגמרי, און עס טוען זיך אויף אלע ענינים באופן אחר, ביז אז שמחה איז פורץ גדר, וכמבואר ברמב"ם סוף הל' לולב, וואו ער רעדט ארוס גודל מעלת השמחה, אז שמחה של מצוה איז אן "עבודה גדולה", וואס דאס איז דער צד החיוב בזה, ועד"ז בצד השלילי, זאגט ער שארפע ווערטער אויף דעם וואס איז זיך מונע פון די שמחה.

דערפון וואס מען מאנט פון יעדער אידען, אז ער דארף מאכען די ברכה פון שהחיינו, איז דאך פארשטאנדיק אז ביי יעדער אידען, ווער עס זאל נאר ניט זיין, איז פאראן [illegible] די שמחה אין תורה, אן קיין ספק וספק ספיקא, דלולי זה, וואלט מען דאך קיין ברכה ניט געקענט מאכען, וכמבואר באגרת התשובה בזה.

און די שמחה איז א שלימות'דיקע אן קיין ענין של צער, ווי מען זעהט דעם דין לגבי מילה, אז ביי מילה מאכט מען ניט קיין ברכת שהחיינו, אעפ"י אז דאס איז דאך א ענין נעלה, להכניסו בבריתו של אברהם אבינו, פונדעסטוועגן מאכט מען ניט קיין ברכה.

– ומבואר –

<u>הנחת הת' בלתי מוגה.</u>

ומבואר הטעם בזה, אז דאס איז מחמת צערא דינוקא, כאטש אז אין אמת'ן איז דאך דאס א שמחה נעלית ביותר, אז ער פארבינט זיך מיטן אויבערשטען בברית עולם, איז וואס פאר א באטרעף האט צערא דינוקא לגבי גודל השמחה, וויבאלד אבער אז בפועל איז פאראן צער, קען מען קיין שהחיינו אויף דעם ניט מאכען, ווארום ברכת שהחיינו מאכט מען בלויז אויב די שמחה איז בשלימות.

ואעפ"י אז דער גדול וואס ער איז דער מברך, האט ניט קיין צער, ואפילו דער ינוקא אויב ער וואלט פארשטאנען אז דאס איז א ענין של הכנסה בברית וכו', וואלט עס ביי איהם אויך געווען א שמחה, פונדעסטוועגן קען מען קיין ברכה ניט מאכען.

וואס דא קען מען גלייך ארויס נעמען א הוראה, ווי אלע אידן זיינען פארבונדען, אז אפילו א גדול שבגדולים, איז פארבונדן מיט א קטן שבקטנים, און בשעת ביי דעם קטן, איז ניטא קיין שלימו-ת'דיקע שמחה, פעלט עס במילא אויך ביי דעם גדול שבגדולים, ביז אז ער קען קיין ברכה ניט מאכען.

דעריבער איז פארשטאנדיק בנוגע לשמחת תורה אז דאס איז ניט ווי אנדערע מיינען אז ס'איז פאראן בלויז ביי די וועלכע האבען געלערנט תורה, אבער ניטביי די וואס האבן ניט געלערנט, און אפילו בשעת ער האט געלערנט, נאר ער פילט ניט גודל מעלת התורה אז עס איז כי היא חכמתכם ובינתכם לעיני העמים, אז אע"פ עס שטייט אין מדרש אז חכמה יש בגוים האמין, פונדעסטוועגן איז תורה חכמתכם לעיני העמים, און אפילו אויב ער פילט דאס יע, פילט ער אבער ניט דעם אין ערוך וואס איז פאראן אין תורה, פאר אזא איז ניטא קיין ענין בשמחת תורה.

זאגט מען אז אפילו פון אזא אידען מאנט מען אז ער דארף מאכען די ברכה פון שהחיינו, ווארום אין אמת'ן איז ביי איהם אויך פאראן די שמחה ובשלימות.

כאטש אז תורה נעמט דאך ארום דעם מענטשן בכל דבר ודבר, און עס נעמט צו ביי איהם כל החירות שלו, ווארום אין אלע ענינים וואס ער טוט זאגט אים תורה ווי ער דארף דאס טאן; בשעת ער וויל עסען, זאגט אים תורה וואס ער מעג און וואס ער טאר ניט, און אפילו דאס וואס ער מעג, דארף ער האבן א הכנה לזה (זאלצען וכו'), און תורה זאגט איהם אויך וועו ער מעג עסען, און בשעת ער גייט שוין עסען זאגט מען אים אז ער דארף פריער בעטען רשות און מאכן א ברכה, נעמט עס דאך לכאורה פון אים צו כל החירות שלו, און ניט בלויז וואס ער איז ניט קיין בעה"ב אויף יענעם, נאר אפילו אויף זיך איז ער אויך ניט קיין בעה"ב,

פונדעסטוועגן מאכט יעדער איד א ברכת שהחיינו, ווארום יעדער איד פרייט זיך מיט תורה.

ואדרבה, דער אמת'ער תענוג זיינער איז דוקא אין תורה, וכמבואר ברמב"ם פ"ב (מהל' גירושין) אז א איד בפנימיותו וויל מקיים זיין רצון הבורא, עס איז בלויז וואס יצרו הרע אנסו, אבער זיין אמת'ער געשמאק איז אין תומ"צ.

וואס דעריבער אפילו אז בחיצוניות איז צווח ככרוכיא אז ער האט ניט קיין חירות, וכנ"ל אז בטבע האדם איז דער ערגסטער צער בשעת ער איז משועבד, און קען ניט טאן וואס ער וויל, פונדע-סטוועגן אבער בפנימיותו איז ער שמח.

- און -

און פון די פנימיות קומט עס אויך אראפ בגילוי, וואס דאס איז דאך פירוש הברכה שהחיינו וכו׳ לזמן הזה, אז עס ווערט נמשך דא למטה וואו עס איז פאראן זמן, ובמילא אויך מקום, ווארום מקום און זמן זיינען פארבונדען.

ועי"י ענין השמחה איז מען פורץ אלע הגדרות, ביז אז דאס פועל׳ט אויך על כל השנה, אז עס קומט אראפ אין לימוד התורה וקיום המצוות בשמחה, ביז אז דאס איז פורץ כל גדרי העולם, און עס קומט משיח צדקינו בקרוב ממש, ושמחת עולם על ראשם.

ב. נוסח הברכה איז דאך שהחיינו וקימנו והגיענו, ומובן אז דער נוסח איז זיכער בדיוק, וויבאלד אז דאס האבען דאך די אנשי כנה"ג מתקן געווען, ובפרט אז די ברכה איז בקיצור.

א ברכה וואס איז באריכות וואלט מען געקענט מיינען אז דאס איז ניט אויף אזוי פיעל בדיוק, אויב אבער עס איז בקיצור, איז עס זיכער בדיוק.

ובדוגמת החילוק פון תורה שבכתב און הודה שבעל פה, אז תושב"כ איז בקיצור, איז עס מער בדיוק, ווי מען זעט אז מען נעמט ארויס פון איין וא"ו כמה וכמה ענינים של הלכות, משא"כ תושבע"פ.

באמת איז תורה שבע"פ אויך בדיוק, ואפילו מפרשי הגמרא וכו׳ זיינען אויך דברי אלקים חיים, דער חילוק איז נאר לגבי דעם אדם הלומד, אז בשעת עס איז בקיצור, ווי אין תושב"כ, דעמאלט איז שווער ארויס נעמען פאר יעדן איינעם דעם דיוק שבזה, משא"כ אז עס איז באריכות, ווי אין תושבע"פ, גרינגער ארויסנעמען הדיוק בזה וכו׳, און דאס איז ניט פאר יחידי סגולה דוקא,

ועד"ז איז עס אין תושבע"פ גופא, ווי עס שטייט אין פיהמ"ש להרמב"ם אז משנה איז בקיצור לפי ערך הגמרא ומפרשי הגמרא, ווייל ענין המשנה איז מועט המחזיק את המרובה, איז דארטען אסאך גרינגער לאדם הלומד אויף ארויס נעמען די אלע הלכות ודיוקים וכו׳, ד.ה. אז אלע לומדים אפילו אנשים פשוטים קאנען ארויסקריגן די דיוקים שבזה.

מכל זה איז פארשטאנדיק בנוגע לברכה שהחיינו, אז וויבאלד אז עס איז בקיצור, איז גרינג לכאו"א ארויס נעמען דערפון דיוקים וכו׳.

לפי"ז איז לכאורה ניט פארשטאנדיק: שהחיינו איז דאך ענין החיות, וקימנו איז דאס ענין הקיום, אז עס איז פאראן דער מציאות, וכמבואר אין יענער שיחה (מיט פינף און צוואנציג יאר צוריק בשנת תש"ה) - האט דאך דער סדר לכאורה געדארפט זיין פארקערט, פריער האט מען געדארפט אפצאנקען פאר עצם הקיום, און דערנאך פאר ענין החיות.

ווארום א ברכה וואס מען דאנקט דעם אויבערשטן איז דאך מן הקל אל הכבד. ווי מען זעט אויך בגשמיות אז מען קען ניט פריער דאנקען אימעצן פאר אלף אלפים דנרי זהב, און דערנאך וועט ער מוסיף זיין א תודה פאר א פרוטה.

האט מען דאך געדארפט אנהייבען מיט ענין הקיום, און דערנאך מוסיף זיין ענין החיות?

- ועי"ד -

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה.</u>

ועד"ז איז ניט מובן דער דריטן ענין פון והגיענו – אע"פ אז לכאורה איז דער סדר פון והגיענו לזמן הזה יע פארשטאנדיק, ווארום דאס דארף קומען ערשט לאחר שהחיינו וקימנו, איז עס אבער ניט מובן מצד א אנדער זאך; ער טייטשט דארטען אז, אז והגיענו איז מלשון יגיעה, וואס ער האט אונז פארמאטערט.

ולכאורה וואס איז דאס בכלל א מעלה וואס ער האט אונז פארמאטערט? ואדרבה אויב עס איז פאראן א ענין של צער, קען מען קיין שהחיינו בכלל ניט מאכען וכנ"ל, און דא דאנקט מען גאר פאר דעם, ביז אז מען זאגט אז דאס קומט נאך שהחיינו וקימנו, שכנ"ל איז פון דעם פארשטאנדיק אז והגיענו איז נאך העכער פון ביידע ענינים; דארף מען דאך פארשטיין וו"ס איז דער גודל המעלה בזה?

איז דער ביאור אין דעם: בשעת מען וועט אנהייבען די ברכה מיט וקיהנו, וועט ניט פארשטאנדיק וואס איז אזוי גודל המעלה בזה – ביז עס איז פאראן די חקירה וואס אפי' חוקרי ישראל המאמינים וכו' טראכטען, כמבואר אויך אין מו"נ, צי עס לויענט זיך כל הענין, ובלשון חז"ל טוב לו שלא נברא.

בשעת א מענטש קוקט זיך איין אין זיך, זעט ער אז ער האט אזוי פילע זמנים וואס ער איז בצער, און אפילו איצטער אז ער האט א רגע של שמחה, קען אבער זיין אז לאחרי זה וועט ער ווייטער האבען צער, ובמילא איז דאך פאראן א סברא אז טוב לו שלא נברא, און אפילו אויב יש מקום זאגן אז די רגע של שמחה וועגט איבער כל הענין, איז עס אבער א ספק, וכנ"ל אז אויף א ספק קען מען קיין ברכה ניט מאכען.

ובפרט בשעת מען טרעפט זיך מיט אידען וואס כל ימיהם זיינען זיי געווען במיצר ושבי', און האבען געהאט כמה וכמה נסיונות וכו'; און אפילו איצטער וואס זיי זיינען ארויס פון דארטען, איז אבער כל ימיהם, איז ביי געווען אזוי.

ובמילא ווי קען מען אנהייבען דאנקען דעם אויבערשטען על ענין הקיום, בשעת עס איז גאר א ספק צי כל הענין לויענט זיך?

דערפאר איז מען מקדים שהחיינו, שהוא ענין החיות, ועי"ז קריגט מען א פארשטאנד אין ענין הקיום, ווארום ענין החיות איז אז עס נעמט דורך כל חלקי האדם בלי שום הפרש, ואפילו די צפרנים שברגל זיינען אויך חי, וכמבואר בתניא אז בשעה עס איז פאראן צער בצפרנים שברגל פילט עס זיך במוח שבראש, ווארום חיות נעמט דורך אלע ענינים.

און דאס איז וואס מען דאנקט דעם אויבערשטען מיט שהחיינו – אז ער האט אין אונז ארייין געגעבען חיות ע"י התורה, וואס דאס נעמט דורך כל עניני האדם, ובמילא אע"פ אז ער האט לכאו' ענינים לא מובים, זיינען זיי אבער דורכגענומען מיט תורה, און אויף זיי זיינען חיות.

ווארום אן תורה פעלט אין חיות, ווארום א מענטש בשעת ער ארבעט, איז ניט שטענדיק לעבט ער אין דעם אליין, נאר דאס איז בלויז בחיצוניות הרצון, בכדי אז ער זאל דערנאך קענען

– מפרנס –



הנחת הת' בלתי מוגה.

מפרנס זיין בניו ובני ביתו וכו׳; האנדלען אליין איז ביי איהם אן קיין געשמאק, וכ"ש בשעת ער איז א בודק חשבונות פאר יענעם אדער ער פארקויפט פאר יענעם, איז דאך איהם אליין ניט נוגע דאס וואס עס טוט זיך ביי פלוני וכו׳, און אויך האט ער ניט קיין געשמאק אין נעמען סחורה פון איינעם און פארקויפן צו א צווייטן, ער איז בלויז אינטערעסירט אין תכלית הדבר אז ער זאל קענען מפרנס זיין בני ביתו, די ארבעט אליין איז בלויז א הקדמה וכו׳, בכדי ער זאל האבן פרנסה.

באופן כזה אבער קען מען ניט מאכען קיין שהחיינו, ווארום אדרבה, רוב היום איז ער גאר פארנומען מיט ענינים טפלים, אן קיין געשמאק.

אויף דעם קומט ענין התורה און נעמט דורך כל עניני האדם, און גיט אריין אין זיי חיות, אז עס ניט א הקדמה כנ"ל, נאר בשעת ער טוט אין משא ומתן און ער טוט באמונה, דעמאלט פועל׳ט ער אויף א נחת רוח לפני, ווארום דער אויבערשטער וויל אז משאו ומתנו זאל זיין באמונה, ביז אז די ערשטע שאלה וואס מען פרעגט ווען מען קומט למעלה, איז צי נשאת ונתת באמונה.

און דאס איז אמיתית ענין החיות, אז אלע ענינים של האדם ווערן ארומגענומען מיט תורה, עס איז בכל דרכך דעהו, ועי"ז פועל׳ט ער א נחת רוח למעלה.

אע"פ אז ביי חכמת חיצוניות, איז לכאו׳ אויך אזוי, אז מ׳קאן ליגן אין דעם אינגאנצן, אעפ"כ נעמט עס ניט ארום כל האדם, ווארום בשעת ער שלאפט לעבט ער ניט מיט די חכמה וכו׳, ביי תורה אבער אפילו דעמאלט האט ער עס אויך, און אויך דעמולט איז ער א חי, דורך דעם וואס ער פועל׳ט אויף למעלה א נח"ר וכו׳.

דעריבער קען מען ניט אנפאנגען ברכה זו מיט וקימנו כנ"ל, ווארום דאס אליין איז ניט זיכער אז עס איז א שמחה, וכמבואר לגבי א קרבן אז בשעה מען איז מפריש זאל מען זאגן קרבן לה׳, און ניט לה׳ קרבן, ווייל אפשר וועט ער זאגן בלויז לה׳ און מ׳וועט אים מפסיק זיין, און ער וועט ניט אויספירן קרבן, במילא וועט ער זאגען לה׳ לבטלה. עד"ז בעניננו אפשר וועט ער זאגען וקימנו אליין, וכנ"ל איז דאך ניט מוכרח אז דאס איז א שמחה, אבער לאחר אז מ׳האט דעם שהחיינו איז וקימנו אן אנדערער, און מ׳האט אמיתיה ענין השמחה.

ועי"ז השמחה פועל׳ט מען אלע ענינים, ווי געזעדט אז אלע ענינים וועלכע טוען זיך אויף בד"ה ויוהכ"פ בקו המרירות, טוען זיי זיך אויף בחגה"ס ושמע"צ ושמה"ת ע"י קו השמחה, אז עס ווערט נמשך דער ענין פון כתבנו און חתמנו לחיים, אז עס ווערט נמשך ענין החיות, חיים של שלום, וואס המברך את עמו ישראל בשלום.

ג. נאך שהחיינו, קומט וקימנו, וואס לכאורה עפ"י האמור לעיל, די מעלה איך שהחיינו, אז דאס נעמט ארום כל עניני האדם וכו׳, ביז אז עס זיינען ניט פאראן קיינע ענינים הטפלים נאר אין אלע ענינים טוט זיך אויף רצון העליון, וואס קען מען מוסיף זיין אויף דעם אז עס איז פאראן א גרעסערער מעלה וקיימנו?

- עס -

הנחת הת׳ בלתי מוגה.

עס ברענגט זיך טאקע אין דוקח, אז די דריי לשונות פון שהחיינו וקימנו והגיענו, זיינען כנגד די דריי לשונות וואס שטייט אין פסוק הללו נפשי את הוי' אהללה את הוי' בחיי אזמרה לאלוקי בעודי; מ'קען אבער ניט זאגן אז דערפאר זאגט מען דא די דריי לשונות, ווארום דאס הייסט ניט פארענטפערט די שאלה, עס איז נאר איבערגעטראגען די קשיא פון די ברכה אויף דעם פסוק, און אין פסוק גופא דארף מען פארשטיין די זעלבע שאלה וואס זיינען דאס די דריי ענינים?

איז דער ביאור אין דעם: אין חיות זיינען פאראן כמה סוגים: א) חיות שלמטה מן האדם ב) חיות האדם ג) למעלה מן האדם.

למטה מן האדם איז דאס די חיות וואס עס איז פאראן ביי בעלי חיים, וואס אעפ"י אז זיי האבן ניט קיין שכל, האבן זיי אבער ענין החיות, דערנאך איז פאראן חיות האדם, און דערנאך איז פאראן חיות המלאכים וואס איז העכער פון אדם וכמבואר ברמב"ם אז זייער חיות איז העכער פון אדם, והם בעלי דיעה יותר מן האדם, ולשיטתו איז א מלאך העכער פון א נשמה.

אפילו לויט די שיטות וועלכע האלטען אז א נשמה איז העכער פון א מלאך, זעט מען אבער אז בשעת א מענטש איז למטה דארף ער אנקומען צו מלאכים בשביל החומ"צ שלו - עס דארף זיין דער גשיך לו ומגשך לו ע"י המלאכים.

דאס איז בכללות. די דריי ענינים זיינען אויך פאראן ביי דעם אדם גופא, עס זיינען פאראן ענינים וואס ער טוט לא מצד השכל, ווי אכילה שתי' ושינה וכו' וואס איז ווי בדוגמת בעלי חיים, וואס איז ניט פארבונדן מיט שכל,

דערנאך איז פאראן חיות האדם דאס וואס ער טוט מצד השכל שלו.

דערנאך איז פאראן ענין הג', אז א אדם איז מקיים ציווי הבורא, און ער טוט עס ניט מצד זיין שכל, דעמאלט ווערט ער נתעלה העכער פון אדם, וכמבואר בזה במכתב הכללי, אז דער תכלית פון א מענטשען איז אז ער זאל נתעלה ווערן העכער פון אדם.

ביי א מענטשען איז דאך פאראן די נשמה און דער גוף, וואס דער גוף האט חיות מצד עצמו אויך אן די נשמה, והו"ע הקיום, ווי מען זעט אז בשעת השינה, וואס איז אחד מששים למיתה, בלייבט דער גוף פונקט ווי פריער בלי שום שינוי, ווארום דער גוף איז הי מצ"ע.

און דאס איז ווי ער איז מבאר אין יענע שיחה אז וקימנו גייט דאס על קיום וחיות הגוף.

און דאס איז דער אופטוא אויף שהחיינו, אן חיות מצ"ע האט דאך געקענט זיין ווי עס איז במלאכים, אן א גוף, וואס ביי זיי איז אויך פאראן ענין החיות, וכמ"ש יראת הוי' לחיים, ועד"ז די נשמה למעלה איידער זי קומט אראפ אין גוף איז אויך פאראן ענין החיות וכמ"ש חי הוי' וגו' אשר עמדתי לפניו.

טוט זיך דא אבער אויף וקימנו אז עס איז פאראן חיות אויך אין גוף.

- וואס -

וואס איז אזוי די מעלה אז עס איז פאראן חיות הגוף? זעהט מען בגשמיות אז בשעת איינער איז בשמחה, איז ניט בדומה צי די שמחה איז ביי איהם אליין, אז ער פועל'ט די שמחה אויף ביי אן אנדערן, אז עס טוט זיך אויף א טובה אויף לגבי אן אנדערן, דעמאלט איז די שמחה ביי אים אליין אויך באין ערוך א גרעסערע.

ועד"ז איז ניט בדומה די שמחה מצד חיות הנשמה אליין, לגבי ווי עס איז בשעה מען פועל'ט דעם חיות אויך אין גוף, ווארום דעמאלט איז עס באופן נעלה יותר.

און דאס איז וואס מען דאנקט דעם אויבערשטן וקימנו, אז דער חיות איז פאראן אויך בגוף, וואס דעמאלט איז די שמחה נעלית ביותר.

דאס איז אויך פארבונדען מיט תורה, וואס אעפ"י אז די נשמה למעלה פארשטייט דאך זיכער תורה באופן נעלה יותר ווי א נשמה למטה, ווארום דא למטה איז דאך פאראן דער גוף וואס איז מבלבל לזה, און ווי עס ברענגט זיך בדא"ה פון אלשיי"ך בנוגע צו געוויסע מאכלים ווי ציבעלע וכו', אז דאס שטערט להבנה והשגה, און דעריבער דארף מען עסן איידעלע מאכלים וכו', ובמבואר שזהו"ע המן אז עס איז געווען א מאכל דק, בכדי אז די הבנה והשגה זאל קענען זיין א גרעסערע, איז דאך פארשטאנדיק אז די נשמה למעלה וואס האט ניט די אלע ענינים, איז שייך להבנת התורה אסאך מער ווי א אדם דא למטה.

פונדעסטוועגן זאגט מען אז וקימנו, עיקר המעלה טוט זיך אויף דוקא דא למטה, ווארום כנ"ל אז עס איז אינו דומה א שמחה וואס מען פועל'ט ביי זיך, לגבי ווען מ'פועלט עס אויך ביי א צווייטן.

ואפילו כשהתינוק במעי אמו זאגט מען אז מלמדין אותו כל התורה, נאר דערנאך איז סוטרו על פיו ומשכחו, ווארום עיקר המעלה פון לימוד התורה איז למטה דוקא.

און דאס וואס פריער איז פאראן דער מלמדין אותו כל התורה כולה, איז דאס בכדי אז דערנאך זאל ער קענען משיג זיין הורה בשעת ער וועט זיין אין א גוף וכמבואר בדא"ח בזה.

און דאס איז אויך דער ענטפער צו די וועלכע טענה'ן אז אויב דער אויבערשטער וויל אז מען זאל לערנען תורה און מקיים זיין מצוות, פארוואס האט ער אראפ געשיקט די נשמה למטה, אויב די נשמה וואלט געבליבען למעלה וואלט דאך ניט געווען קיינע מניעות ועיכובים וכו'?

נאר די הסברה בזה איז כנ"ל: עיקר המעלה איז בשעת מען טוט אויף אין א צווייטע זאך, אז ער פועל'ט אין גוף וחלקו בעולם.

דאס איז אויך פארבונדען מיט שמחה תורה, וואס איז אויף סיום תורה שבכתב; . הבנה והשגה איז פאראן מער אין תושבע"פ, עס איז אבער בע"פ, עס קומט ניט אראפ אזוי פיעל בדיו וקלף גשמי, אין תורה שבכתב איז פאראן די מעלה אז עס קומט אראפ בדיו וקלף גשמי, וכנ"ל אז מען פועל'ט עס אויך בדבר זולת.

וזהו ג"כ המעלה אין פ' וזאת הברכה; דלכאורה איז דאך שוין

- געווען -



<u>הנחת הת' בלתי מוגה.</u>

געווען פריער מחן תורה וואס האט זיך אויף געטאן אין וזאת הברכה - נאר דא האט זיך אויף געטאן ענין הכתב.

יעדער איד דארף זאגען בשבילי נברא העולם, שאין הפירוש אז יעדער מענטש איז אן עולם בפ"ע נאר אז יעדער איד איז כל העולם, פונקט ווי עס איז געווען ביי אדם הראשון אז ער איז געווען כל העולם עד"ז איז א איד די גאנצע וועלט, ובמילא איז די כונה ער זאל איבערארבעטן די וועלט.

דאס איז אויך וואס ער זאגט אין הניא אן א הסברה [נאהר דא זעט מען ווי דאס איז]; וואס דער אלטער רבי ברענגט אראפ דעם פסוק אהללה הוי' בחיי און זאגט אז דאס גייט אויף די נשמה און אזמרה כו' בעודי זה הגוף, שכנ"ל איז דאס וואס דער רוקח זאגט אז אזמרה לאלוקי בעודי איז דער ענין פון וקימנו, וכנ"ל פון די שיחה אז דאס גייט על חיות הגוף.

עפי"ז איז מובן אז אהללה נפשי את הוי', גייט עס אויפן והגיענו וכפי שיתבאר לקמן.

און דערנאך פועל'ט מען שהחיינו, שהו"ע הנשמה, הבנה והשגה, אויך אין וקימנו, אין גוף, וואס נאך שמחת תורה לערנט מען דאך חושבע"פ, ד.ה. אז הבנה והשגה פארבינדט זיך אויך מיט חושב"כ, וזהו ענין דחב"ד אז יעדער ענין דארף אראפ קומען אין הבנה והשגה, אז אלץ זאל אויך זיין דורכגענומען מיט הבנה והשגה.

וואס דאס איז געווען דער אויפטוא פון אדם הראשון וואס ער האט געפועל'ט ענין המלוכה בכל הבריאה ניט בלויז באופן פון ממשלה, שהוא בהכרח, נאר ומלכותו ברצון קיבלו עליהם, וואס אזוי דארף זיין בכאו"א, פועל'ן אין וועלט אין אזא אופן, עס זאל זיין דורכגענומען מיט הבנה והשגה - ברצון.

ד. איצטער דארף מען פארשטיין וואס איז די מעלה אין והגיענו, ביז אז דאס איז נאך גרעסער פון שהחיינו און וקימנו, וכנ"ל.

והענין הוא: בטבע הבריאה זעט מען, אז בשעת מען גיט א מענטש א מתנה, איז איננו דומה צי ער האט אויף דעם געהארעוועט צי ניט, ווארום בשעת ער האט געהארעוועט אויף דעם, האט דאס ביי איהם א חשיבות יותר, און עס איז ווערט מער וכו'.

וכמארז"ל אדם רוצה בקב שלו יותר מחשעה קבין של חבירו, וואס דא איז ניטא קיין נפק"מ באיכות, דער איינציגער חילוק איז בלויז בכמות, אז דאס איז קב אחד און דאס איז תשעה קבין, און אעפ"כ איז ער רוצה בקב אחד שלו, ווייל בשעת ער האט אויף דעם געהארעוועט האט עס אן אנדער טייערקייט.

עד"ז איז בכללות הבריאה, אז מען וויל ניט עס זאל זיין נהמא דכסופא, מ'וויל עס זאל זיין אויס-געהארעוועט.

דערפאר דאנקט מען דעם אויבערשטן פאר והגיענו, אז ער האט אונז פארמאטערט - מ'דאנקט אים אויף דעם וואס ס'איז פאראן דער ענין היגיעה, וואס דעמאלט באקומט מען דעם טוב בשלימות.

וואדום אפילו בשעת מען דארף מבדר זיין חלקו בעולם, קען עס אבער זיין ווי עס איז געווען בזמן הבית, ובפרט בזמן שלמה

- וואס -

הנחת הת' בלתי מוגה.

וואס קיימא סיהרא בשלימותא, אז די ניצוצות זיינען אליין נתברר געווארען, און עס האט ניט געדארפט זיין דער מאטערניש פון זמן הגלות; ובזמן הגלות איז פאראן מעלת היגיעה.

אע"פ אז גלות נעמט זיך מפני חטאינו, איז דאך אבער שלשה דברים הקב"ה מתחדש עליהם בכל יום, און איינע פון זיי איז יצה"ר, שעל ידו בא החטא והגלות, ולכאורה מי מעכב על ידו, זאל ער איס מבטל זיין, איז דאס א הוכחה אז דאס איז לטובת הבריאה, אז דעמאלט איז דער טוב אין אנאנדער אופן, ותענוג נעלה יותר.

ווארום לפום צערא אגרא, און ניט בלויז אין דעם שכר וואס וועט קומען שפעטער, נאר בשעת מעשה בשעת דער ענין איז אים אנגעקומען ע"י צער, דעמאלט האט גאר אנאנדער תענוג.

וכידוע שיחת כ"ק מו"ח אדמו"ר אויף ברוך הוא שחישב את הקץ לעשות, אז באמת מצר התענוג דלמעלה בעבודת זמן הגלות וואלט ח"ו בכלל ניט געווען קיין גאולה, דעריבער זאגט מען אז ברוך הוא שחישב את הקץ לעשות, אז מ'גיט א שבח והודי' מיוחד להקב"ה פאר דעם ענין הגאולה; אבער מצ"ע איז דא א מעלה אין זמה"ג, ווארום לע"ל וועט זיין ימים אשר אין בהם חפץ, עס וועט אין זיי ניט זיין דער פנימיות הרצון, ווארום פנימיות הרצון טוט זיך אויף בזמן הגלות.

ווי עס שטייט אודך הוי' כי אנפת בי ישוב אפך ותנחמנו, ולכאורה דער פי' הפשוט איז דאך אז "אודך הוי'" כאטש אז "אנפת בי", דאנק איך דיר סיי ווי פאר דעם וואס "ישוב אפך ותנחמני"—אבער לפי"ז האט ער געדארפט זאגען אודך הוי' <u>אף</u> שאנפת בי ישוב אפך וגו', דער אנפת איז דאך לכאורה ניט קיין טובה, פארוואס זאגט ער <u>כי</u> אנפת בי, אלס נתינת טעם אויף'ן אודך וגו'?

נאר כנ"ל אז עס איז פאראן א מעלה אין זמה"ג, אין אנפת, דערפון קומט ארוים א תענוג באופן נעלה יותר, דערפאר דאנקט ער טאקע פאר דעם אנפת בי.

וכנ"ל איז דער תענוג פאראן גלייך, וזהו ג"כ מובן דערפון וואס מען מאכט ברכת שהחיינו, ווארום אויף א שמחה וואס וועט זיין לעתיד קען מען קיין שהחיינו איצטער ניט מאכען, שזהו הטעם, וואס מען זעהט אז עס זיינען פאראן כמה וכמה ענינים גדולים וואס מען מאכט אויף זיי ניט קיין שהחיינו; ובמילא מובן אז וויבאלד מ'מאכט א ברכה והגיענו, איז מובן אז דער תענוג איז פאראן איצטער.

ובמילא בשעת עס קומט שמחת תורה, איז ניט ווי די וועלט מיינט אז עיקר הענין דשמח"ת איז שייך ליושבי אוהל, ווארום זיי זיינען שייך צו תורה, משא"כ בעלי עסק — נאר אדרבה דער והגיענו איז פאראן בעיקר ביי די בעלי עסקים.

ווארום ביי יושבי אוהל איז דער והגיענו ניט אויף אזוי פיל,. ווארום עס איז בלויז א יגיעה בתורה, וואס אפילו אז ער האט א קשיא, און ער הארעוועט אין דעם, אעפ"כ קען ער זיך גיין לייגען און שלאפען, און דאס וועט ניט שטערן זיין שלאפן. א בעל עסק אבער בשעת ער האט א קשיא איז עס ניט אין תורה, נאר אין עולם־ ... פון החסר לו מי, און דעריבער לאזט עס אים ניט שלאפן, און אז ער שלאפט שוין יע, חלום'ט זיך בשעתן שלאפן וואלסטריט אין ברוקלין.

ובמילא דארף ביי זיי זיין די התלטה אויף קביעת עתים

להורה ניט קוקענדיק אויף אלע שוועהריקייטען, ואדרבה זיי האבן כוחות אויף דעם, ווארום אין הקב"ה בא בטרוניא עם בריותיו, איז א ראי' אז זיי האבן כוחות, וואדרבה נאך מער פון א יושב אוהל, וואס ער האט ניט די אלע שוועריקייטן.

נאך מער: דאס גופא וואס א יושב אוהל האט ניט די שוועריקייטן איז א ראי' אז מ'ווייס ניט וואס וואלט געווען ווען ער וואלט געווען בעסק מיט די שוועריקייטן, דעריבער האט מען געפירט מלמעלה אז ער זאל בלייבן אין ישיבה אדער אין כולל; א בעל עסק אבער וואס האט די שוועריקייטן איז א ראי' אז ער האט כוחות לזה - אויף מאכען קביעת עתים לתורה בכל יום, ביום ובלילה, וואס דאס איז א דין וואס ניט אלע ווייסען דערפון, וכמבואר בהל' ת"ת אז עס איז ניט מספיק האבען א קביעות בחלק אחד שביום אליין, נאר בכל חלק דארף מען לערנען בעזונדער.

און דעמאלט וועט מען צוקומען לגאולה העתידה; ואע"פ אז נת"ל מעלת זמן הגלות, ביז אז עס ווערט אנגערופן ימים שאין בהם חפץ, פונדעסטוועגן איז מען מוותר אויף דעם, און מ'וויל די גאולה, און מ'קומט לסיום מסכת סוכה, וואס עס שטייט דארטען אז הקב"ה שוחט דעם יצה"ר - וכל העוסק בתורת עולה כאילו הקריב עולה, און אידן וועלען זאגען דעם אויבערשטען אז זיי זיינען מוותר על התענוג וואס עס איז פאראן בזמן הגלות און גענוג שוין מיט די מאטערניש, ביז מען וועט צו קומען לביאת משיח צדקינו וכו' בקרוב ממש.

# משיחת ליל שמח״ת תשל״א

בס"ד. שיחת ליל שמח"ת, קודם הקפות, ה'תשל"א. <u>הנחת הת'</u>
<u>בלתי מוגה</u>

(כ"ק אדמו"ר שליט"א קידש על היין, ואח"כ אמר:) אפשר וועט איטעצער מאכן קידוש בקול רם, און מוציא זיין די אלע וואס ווילן יוצא זיין מיט קידוש, און מכוון זיין אויף דעם עס שבשדות. (וכשא' רצה לקדש אמר לו:) מאך בקול רם אז אלע וואס ווילן זאלן קענען יוצא זיין, און זיי אויך מכוון אויף דעם עס שבשדות.

(ואח"כ אמר:)

א. ס'איז דאך ידוע די שיחה פון כ"ק מו"ח אדמו"ר (שמח"ת תש"ד - בסה"ש תש"ד ע' 32), אז בשמח"ת זאל יעדער איינער אליין מאכן קידוש און מ'זאל ניט יוצא זיין פון א צווייטן, אבער אעפ"כ דארף מען זיך רעכענען מיט די מציאות, אז עס זיינען דא אזוינע וואס ווייסן ניט פון דער שיחה, און מצד איזה סיבה שתהי' קען דאך זיין אז זיי וועלן טרינקען און זאגן לחיים אן קידוש, איז דערפאר, ניט קוקנדיק אויף דעם וואס די שיחה איז טאקע א שיחה, און מ'דארף איר זען פאלגן, פונדעסטוועגן וויבאלד די מציאות איז אזוי, זאל איטעצער מאכן איצטער קידוש, און האבן בדעה מוציא זיין די אלע וועלכע האבן נאך ניט געמאכט קידוש, סיי די וועלכע געפינען זיך דא און סיי די וועלכע זיינען ניטא דא, דעם עס שבשדות, און דעמאלט וועט דער גאנצער ענין זיין באווארנט.

ב. מ'האט שוין גערעדט כמה פעמים, אז די שמחה פון שמח"ת איז, וואס דעמאלט איז מען מסיים די תורה - מ'ענדיקט לייענען די תורה

- וואס דער ענדיקן איז ניט קיין הפסק ח"ו, נאר נאך דעם הויבט מען אן נאכאמאל לייענען די תורה מחדש, און ווי מ'זאגט אין דעם נוסח פון מרשות לחתן בראשית "מתכיפין התחלה להשלמה" -

און בשעת מ'ענדיקט לייענען די תורה מאכט מען דאך א שמחה, און ווי עס שטייט אין מדרש (שהש"ר א,ט. קה"ר א,א) אז "עושין סעודה לגמרה של תורה"; וואס דאס איז די שמחה פון שמחת תורה.

עס איז אבער ניט מובן: פארוואס איז דא א שמחה בשעת מ'איז מסיים די תורה; דלכאורה אע"פ דעמאלט פארענדיקט מען דאס, הויבט מען דאך אבער גלייך אן מחדש צו לערנען תורה, כנ"ל, איז עס דאך ניט קיין אמת'ער סיום? און אע"פ אז מ'הויבט אן לערנען א נייעם ענין, איז דאס באמת דער זעלבער ענין, ווי עס איז פארשטאנדיק פון דעם וואס תורה ווערט אנגערופן "תורה אחת",

ביז מ'זאגט אז פון דעם בי"ת פון "בראשית" ביז דעם למ"ד פון "לעיני כל ישראל" איז אלץ איין ווארט, וואס פונקט ווי עס איז אין דעם נעוץ סופן בתחלתן (ספר יצירה פ"א מ"ז), אז פון דעם למ"ד פון "לעיני כל ישראל" ביז דעם ב' פון "בראשית" איז ניטא קיין זאך אין צווישן, און דאס איז איין ענין, אזוי איז דאס אויך אין דעם נעוץ תחלתן בסופן (שם), אז פון דעם בי"ת פון "בראשית" ביז דעם למ"ד פון "לעיני כל ישראל", איז

אע"פ

אע"פ אז צווישן זיינען פאראן א סך ווערטער, זיינען זיי אבער ניט מפסיק, נאר אדרבא, זיי זיינען מחבר ביז אז דאס ווערט אייך ווארט, און דערפאר איז אע"פ אז ס'איז פאראן דער כלל אז "כי קאי רבי בהאי מסכתא לא תטיילי' במסכתא אחריתי" (שבת ג,ב), זיינען אבער אלע ענינים בתורה פארבונדן איינער מיטן צווייטן,

במילא, וויבאלד אז גלייך נאך דעם וואס מ'איז מסיים די תורה, הויבט מען אן צו לערנען מחדש, און דאס איז עפ"י תורה אזוי, ווארום עפ"י תורה אויב נאר ער האט א רגע פנוי מוז ער לערנען תורה, און דאס וואס מ'הויבט אן איז דאך ניט קיין נייער ענין, נאר דאס איז דער זעלבער ענין, איז פארוואס דארף מען מאכן א שמחה בשמח"ת לגמרה של תורה - מען ענדיקט דאך ניט?

האט מען גערעדט אין דעם אמאל באריכה, אז בשעת מען הויבט אן נאך אמאל לערנען תורה מחדש נאך דעם וואס מ'האט מסיים געווען די תורה, לערנט מען דאס באופן חדש און באופן נעלה יותר ווי מ'האט דאס געלערנט פריער, ביז אז דער אופן הלימוד איז באי"ע העכער פון דעם אופן הלימוד וועלכער איז געווען ביז איצטער, און אין דערויף באשטייט די שמחה גדולה, אז מ'האט פארענדיקט איין אופן בלימוד און איצטער הויבט מען אן א לימוד באופן נעלה יותר באי"ע צו פריער.

אע"פ אז לימוד התורה איז אן ענין פון שכל, און שכל איז דאך בהגבלה, און ווי עס איז מוכח פון דעם וואס אויף שכל זאגט מען (ראה תניא רפ"ה) דעם לשון "תופס" און "משיג", ד.ה. אז דאס איז ע"ד ווי מ'איז תופס מיטן האנט א דבר גשמי, וואס דאס איז דאך מדוד ומוגבל וויפל ער איז תופס, עד"ז איז דאס אין שכל אז דאס וואס מ'פארשטייט א דבר שכל, איז מען דאס תופס מיטן כח השכל, איז דאך מובן אז דאס איז במדידה והגבלה, און בא א זאך וואס איז במדידה והגבלה האט אפילו די העכסטע דרגא אן ערך און א שייכות צו די דרגות שלמטה מזה; איז דאך ניט פארשטאנדיק ווי איז שייך צו זאגן אז מ'הויבט אן לערנען באופן וואס איז באי"ע צו פריער, בשעת דער כללות ענין פון שכל איז בהגבלה?

אעפ"כ, איז נוסף אויף דעם וואס תורה איז דאך אן ענין וואס איז למעלה משכל, איז אויך מצד די הבנה והשגה שבתורה שייך צו זאגן אז מ'קומט צו א דרגא וואס איז באי"ע צו פריער, ניט נאר אין די יחודים וועלכע טוען זיך אויף ע"י לימודו, נאר אויך אין זיין לימוד והבנה והשגה:

ווי הסידות ברייננט די ראי' אויף דעם (אז אין שכל זיינען דא ענינים וועלכע זיינען באי"ע) פון דעם וואס די גמרא (ב"מ פה,א) דערציילט אז "ר"ז כי סליק לארעא דישראל יתיב ארבעים תעניתא (אדער ווי די צווייטע גירסא "מאה תעניתא") דלשתכח גמרא בבלאה מיני' כי היכי דלא נטרדי'", בכדי ער זאל קענען אנהויבן לערנען תלמוד ירושלמי.

וואס

וואס א תענית איז דאך ווי ער ברענגט אין אגה"ת (טפ"ב) "הלזה תקרא צום ויום רצון לה׳", אז א צום איז א יום רצון, ד.ה. אז נאך דעם וואס עס העלפן ניט אלע תפלות און אלע סגולות וכו׳, דעמאלט דארף מען אנקומען צו א תענית וועלכער איז א יום רצון. קומט אויס אז דער פי׳ אין דעם וואס רבי זירא האט געפאסט מ׳ (אדער ווי די צווייטע גירסא מאה) תעניתים בכדי אז ער זאל פארגעסן תלמוד בבלי, איז, אז ער האט געטאן אלע סגולות און געזוכט א יום רצון אויף דעם; וואס דאס איז מצד דעם עילוי וואס איז דא אין תלמוד ירושלמי אויף תלמוד בבלי, און ווי ער זאגט אין מדרש (ב"ר טז,ז) אויף "וזהב הארץ ההיא טוב", אז "מלמד שאין תורה כתורת ארץ ישראל",

ביז אז דאס איז באי"ע צו תלמוד בבלי, וואס מצד דעם האט ער געפאסט אז ער זאל פארגעסן אויף תלמוד בבלי, ווייל היות דאס איז באי"ע, איז דאס וואס ער האט פריער געלערנט איז גאר מבלבל; אין א לימוד וועלכער איז בערך, איז אדרבא, דאס וואס ער האט פריער געלערנט איז מסייע און דאס העלפט צו לערנען ווייטער, משא"כ אין א לימוד וועלכער איז באי"ע צו פריער, איז דער לימוד פון פריער מבלבל צו דעם וואס ער דארף לערנען ווייטער, וואס דערפאר האט ר"ז געדארפט פאסטן כדי צו פארגעסן תלמוד בבלי, בכדי אז ער זאל קענען אנהויבן לערנען תלמוד ירושלמי, ווארום תלמוד ירושלמי איז באין ערוך העכער פון תלמוד בבלי.

פון דעם אלץ איז מובן אז אפילו אין ענינים פון שכל איז שייך צו זאגן אז מ׳הויבט אן א לימוד וואס איז באי"ע צו פריער. און אט דאס איז די שמחה פון שמח"ת, וואס דעמאלט איז גמרה כל תורה, און מ׳הויבט אן צו לערנען "בראשית וגו׳" מחדש אין אן אופן וואס איז באי"ע צו דעם אופן הלימוד פון פריער.

און דאס איז דערפאר וואס עס קומט לאחרי די עבודה פון יום הכפורים, עבודת התשובה, וואס דעמאלט האט דער אוי-בערשטער געזאגט "סלחתי כדברך", אז ס׳איז פאראן די מחילה סליחה וכפרה, און ניט נאר ווי ער טייטשט כפרה אין אנהויבט אגה"ת, אז דאס ווישט אפ די חטאים (לשון קינות), נאר דעם טיפערן טייטש אין כפרה, וואס ער זאגט שפעטער (רפ"ב) - "שיהי׳ לרצון לפני ה׳ ומרוצה וחביב לפניו ית׳ כקודם החטא", וואס דעמאלט שטייט ער אין דער דרגא פון בע"ת וואס אפילו צדיקים גמורים אינם יכולים לעמוד שם (ראה ברכות לד,ב), ביז ווי דער רמב"ם (הל׳ תשובה פ"ז ה"ז) זאגט אויף בע"ת אז "צועק ונענה מיד שנא׳ והי׳ טרם יקראו ואני אענה",

דעריבער, וויבאלד עס איז לאחרי די עבודה פון יו"כ און ער שטייט אין אזא מעמד ומצב, איז ער באי"ע צו פריער, דערפאר קען ער שפעטער בשמח"ת אנהויבן לערנען תורה באופן של אי"ע, אזוי ווי עס איז געווען ביי רבי זירא, ווארום ער האט שוין מבטל געווען אלע ענינים וועלכע זיינען געווען פריער.

על דרך



הנחת הת׳ בלתי מוגה

על דרך ווי עס שטייט אז בשעת מ'דארף אוועקגיין מהאי עלמא און אריינגיין אין ג"ע, דארף מען פריער דורכגיין דעם עמוד ונהר דינור בכדי מ'זאל פארגעסן אויף הידו דהאי עלמא, און דוקא דעמאלט קען מען אריינגיין אין ג"ע וואס איז באי"ע העכער, עד"ז איז דאס בעניננו אז יו"כ האט אויפגעטאן אז מען האט מבטל געווען אלע ענינים בלתי רצויים וועלכע זיינען גע-ווען פריער, דערפאר קען מען בשמח"ת אנהויבן לערנען תורה באי"ע העכער פון פריער.

דערפאר איז פאראן די גודל השמחה בשמע"צ ובשמח"ת, ווייל דעמאלט האט מען די תורה באופן חדש לגמרי; וואס דאס איז פארבונדן מיט דעם וואס כ"ק מו"ח אדמו"ר האט געזאגט (סה"ש תש"ד ע' 32), אז די ברכה שהויינו וועלכע מען מאכט בשמח"ת, איז דאס ניט נאר מצד דעם וואס דאס איז דער יו"ט שני פון שמע"צ, נאר דאס איז אויך א שהחיינו אויף תורה, ווייל דעמאלט האט מען די תורה גאר באופן חדש ווי מ'האט דאס געהאט פריער, ביז אין אן אופן של באי"ע (חסר הסיום).

ג. עפ"ז איז אבער ניט פארשטאנדיק: לכאורה איז אט דער ענין אז בשמח"ת הויבט מען אן לערנען תורה באופן חדש לגמרי, ביז אין אן אופן באי"ע העכער ווי פריער, שייכות בלויז צו יחידי סגולה, אבער ביי סתם א מענטש, ניט פון די יחידי סגולה, איז אפילו אז ער הויבט אן לערנען תורה אין א העכערן אופן, איז דאס אבער ניט אין אן אופן פון אי"ע, און ווי מ'זעט עס במוחש?

ומובן אז די שמחה פון שמח"ת מוז האבן א שייכות צו אלעמען: פונקט ווי מ'זאגט בנוגע ר"ה אז דאס נעמט דורך פון "ראשיכם שבטיכם ביז "חוטב עציך ושואב מימך", אלע סוגים פון אידן, עד"ז האט די שמחה פון שמע"צ ושמח"ת א שייכות לכל אחד ואחד, ד.ה. אז דאס איז פארבונדן מיט דעם צד השוה וואס איז דא צווישן אלע אידן, ד.ה. אז דאס איז ניט פארבונדן מיט דעם עילוי שבהם, נאר מיט די נידעריקערע און פשוט'ע ענינים פון אידן, וועלכע זיינען פאראן סיי ביי די פשוט'ע אידן און סיי ביי די גדולים פון אידן מצד "יש בכלל מאתים מנה";

ווי מ'זעט אויך בפועל אז די שמחה שבשמח"ת איז פאר-בונדן מיט די ריקודים בשעת ההקפות, וואס די ריקודים זיינען דאך מיט די רגלים, וואס דאס איז ניט קיין ענין פון השגה וואס אין דערויף זיינען פאראן חילוקים, נאר דאס איז שייך לכל אחד ואחד בשוה.

נאך מער: בשעת הריקודים <u>קען ניט</u> זיין קיין השגה בתורה, ווארום דעמאלט קען מען ניט ליינען בתורה, ווייל די ספר תורה איז דעמאלט א פארמאכטע און צוגעדעקט מיט איר מענ-טעלע; אויב עס וואלט זיך גערעדט וועגן תושבע"פ, וואלט מען נאך געקענט זאגן אז מ'קען לערנען בע"פ, וויבאלד אבער אז דא רעדט זיך וועגן תושב"כ וואס "דברים שבכתב אי אתה רשאי לאומרן ע"פ" (גיטין ס,ב), און מצות ת"ת דארף דאך זיין בדיבור דוקא (ראה)

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

(ראה עירובין נד,א), איז מובן אז דא קען גאר ניט זיין קיין לימוד התורה - נאר די שמחה פון שמח"ת איז ניט פארבונדן מיט הבנה בתורה, נאר דאס איז שייך לכל אחד ואחד, וואס דערפאר איז דאס פארבונדן דוקא מיט ריקוד ברגלים.

וכידוע די מעשה מיטן בארדיטשעווער, אז ער האט אמאל געזען ווי אן איש פשוט וועלכן ער האט געקענט, טאנצט בשמח"ת, און ער האט געוואוסט אז ער האט קיין שייכות ניט צו האבן אליין א שיעור בתורה, און אפילו ניט צו משתתף זיין זיך אין א צווייטנס שיעור, האט דער בארדיטשעווער ביי אים געפרעגט פארוואס טאנצט ער? האט ער אים געענטפערט אז ביי א ברודערס א חתונה טאנצט מען אויך.

דאס איז אבער נאר א הוראת שעה מיט א לימוד זכות אויף אידן, דער אמת איז אבער אז דאס איז ניט זיין ברודערס א חתונה, נאר דאס איז אן אייגענע חתונה, און ווי עס שטייט (תענית כו,ב) "ביום חתונתו זה מ"ת", וואס דאס איז פארבונדן מיט שמח"ת וואס קומט לאחרי יוכ"פ, ווארום דער דרש "ביום חתונתו זה מ"ת" גייט אויף די לוחות שניות וועלכע זיינען געגעבן געווארן בששי בסיון,

און דאס האט נאך אן עילוי באי"ע, ווי חסידות איז מבאר פארוואס שמח"ת איז ניט בו׳ בסיון נאר דוקא לאחרי יו"כ, נאך די לוחות שניות, ווייל דעמאלט איז די עבודה פון תשובה וואס טוט אויף אן ענין פון באי"ע, וואס אזוי איז געווען דעמאלט אז אידן זיינען געשטאנען אין דער דרגא פון בע"ת און זיינען געווען באי"ע העכער פון פריער, און ווי דער לשון "במקום שבע"ת עומדים אין צ"ג יכולים לעמוד שם",

וואס דער דיוק דא איז אז "אין יכולים לעמוד שם", ד.ה. אז אפילו מצד ענין היכולת קענען זיי אויך ניט שטיין בדרגת בע"ת, ניט נאר מצד זייערע כוחות הגלויים, און ניט נאר מצד כוחות מקיפים פון רצון ותענוג, נאר אפילו מצד "יכולים", מצד היכולת, איז אויך "אין יכולים לעמוד שם", משא"כ בע"ת "עומדים שם", זיי זיינען אין אט דער דרגא, און אין אן אופן פון עמידה, וואס ווי דער רמב"ם זאגט אין מורה נבוכים אויף "ועמדו רגליו ביום ההוא על הר הזיתים", אז עמידה ווייזט אויף העדר השינוי, קומט אויס אז דאס וואס ביי צדיקים איז ניטא אפילו בבחי׳ יכולת, איז ביי א בע"ת דא באופן של עמידה, בלי שינוי.

דאס איז אלץ דער עילוי שבאי"ע וועלכער האט זיך אויפ- געטאן דורך די לוחות שניות, וואס איז פארבונדן מיט דער עבודה פון יו"כ; ע"ד ווי מ׳האט גערעדט פריער וועגן דעם לימוד התורה פון ר"ז, אז ער האט געדארפט פארגעסן תלמוד בבלי כדי ער זאל קענען לערנען תלמוד ירושלמי, וואס דאס איז ע"ד ווי די נשמה בשעת די דארף עולה זיין אין ג"ע, דארף זי דורכגיין דעם עמוד אין נהר דינור כדי זי זאל פארגעסן אויף חיזו דהאי עלמא, וואס דאס איז בדוגמת יו"כ וואס דעמאלט איז ניטא קיין אכילה ושתי׳ און אידן זיינען אזוי ווי מלאכים, אזוי ווי אין ג"ע, וואס דאס איז טאקע אן עילוי סבאי"ע.

איז דאך

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>

איז דאך ניט פארשטאנדיק: ווי געוועדס פריער איז דאך
דער אויפטו פון שמח"ת שייך לכאו"א, און לפועל זעט מען אז ניט
כל אחד ואחד איז בשמח"ת עולה באי"ע בלימוד התורה; און ווי
מ'זעט אז די גמרא דערציילט אט דעם ענין בלויז בנוגע צו ר"ז
און ניט וועגן קיין אנדערן, ווארום אויב עס וואלט געווען
אויך ביי אנדערע וואלט די גמרא ניט דערציילט קיין חידוש
אויף ר"ז. און אויך: די גמרא וואלט געדארפט זאגן באופן כללי
אז הנהו רבנו וועלכע האבן עולה געווען פון בבל קיין א"י
פלעגן פאסטן וכו'. און אז די גמרא זאגט עס בלויז אויף ר"ז
איז א ראי' אז דאס איז געווען אן אויסנאם; איז דאך מובן אז
דער ענין איז ניט שייך לכל אחד ואחד, איז ווי שטימט עס מיט
דעם וואס די שמחה פון שמח"ת איז שייך צו יעדער אידן, און
בשמח"ת מאכט <u>יעדער</u> איד ברכת שהחיינו אויף תורה?

.. וועט מען דאס פארשטיין פון דעם וואס תורה ווערט
אנגערופן "תורה אחת", ביז אז גאנץ תורה איז כלול אין די
עשרת הדברות (אזהרות לר' סעדי' גאון – ראה רש"י שמות כו,יב:
זח"ב צ,ב), וואס זיי זיינען "כללות כל התורה", וואס דערפאר
שטייט אין ירושלמי (שקלים פ"ו ה"א) אויף "מזה ומזה הם כתובים"
אז אין די עשה"ד איז כלול גאנץ תורה (תושב"כ און גאנץ תורה
שבע"פ ביז "כל מה שתלמיד ותיק עתיד להדש").

נאך מער בכללות: גאנץ תורה איז כלול אין דעם דיבור
ראשון פון די עשה"ד, און נאך מער (ווי עס שטייט אין ספרים
ברי טמכא), אז גאנץ תורה איז כלול אין דעם ערשטן ווארט פון
דעם עדשטן דיבור, אין דעם "אנכי". וואס דאס איז אויך מרומז
אין נגלה: די גמרא (שבת קה,א) זאגט אויף "אנכי" אז דאס איז
א ר"ת "אנא נפשי כתבית יהבית", אז דער אויבערשטער אליין האט
געשריבן און געגעבן די גאנצע תורה, ד.ה. אז דער כללות ענין
התורה שטייט אין דעם ווארט "אנכי".

נאך מער: עס ברענגט זיך אין מאור עינים בשם הבעש"ט,
אז גאנץ תורה איז כלול אין דעם ערשטן אות פון די עשה"ד, אין
דעם אל"ף פון "אנכי"; וואס דערפאר האט כ"ק מו"ח אדמו"ר זיך
אזוי געקאכט אין דעם לימוד האותיות, אז מ'זאל לערנען מיט
קינדער קמץ אל"ף אָ, וואס דאס פארבינדט זיך מיט דעם קמץ אל"ף
פון "אנכי" וועלכער איז כולל כל התורה כולה (ער האט עס ניט
אויסגעטייטשט אזוי בפירוש, ס'איז אבער משמע אז דער ענין
איז אזוי).

(חסר קצת) און וויבאלד אז גאנץ תורה איז כלול אין
איין ווארט, ביז אין איין אות, איז דורך דעם וואס מ'נעמט
אט דעם איין ווארט, עי"ז קען מען נעמען כל התורה כולה; און אט-
דעם כח גיט מען ביו"כ.
דאס דארף א איד וויסן, אז בשמח"ת/(וואס קומט לאחר יו"כ) גיט מען א אידן בכח
אז דורך דעם וואס ער וועט דאן נעמען בלויז דעם יסוד און
התחלת התורה, עי"ז נעמט ער גאנץ תורה; און דאס איז שייך לכל
או"א, ווארום דעם <u>כח</u> האט יעדער איד, אז אויב נאר ער וועט
נאר הארעווען, קען ער טאקע פארשטיין און לערנען תורה ביז אין
אן אופן פון באי"ע (איננו ברור).

וואס

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

וואס דאס איז בדוגמא ווי מ׳גיט אימעצן א קעסטל מיט אבנים טובות ומרגליות וועלכער איז פארשפארט, און מ׳זאגט אים אז ער איז דער בעה"ב אויפן קעסטל, און מ׳גיט אים אויך אפ דעם שליסל אז ער קען דאס עפענען און ארויסנעמען אלץ וואס עס געפינט זיך דארטן; וואס אזוי איז דאס אויך בשמח"ת, אז מ׳גיט יעדן אידן כח אז דורך דעם וואס ער וועט נאר הארעווען וועט ער צוקומען צו תורה באופן של באי"ע, וכמאמר רז"ל (מגילה ו,ב) "יגעתי ומצאתי תאמין", אז ער קען נעמען ביז אין אן אופן פון מציאה וואס איז למעלה ממדידה והגבלה לגמרי, ענין של אי"ע, וואס דאס איז די שמחה פון שמח"ת (חסר הסיום).

ד. מ׳דארף אבער נאך אלץ פארשטיין: וויבאלד אז די שמחה פון שמח"ת איז ניט פארבונדן מיט אן ענין פון פועל ממש, בלויז מיט דעם וואס מ׳האט כח אויף דעם, ד.ה. מ׳האט דעם ענין בלויז בכח - האט מען לפי"ז געדארפט קובע זיין שמח"ת ביום הכפורים עצמו אדער גלייך נאך יו"כ, ווארום דעמאלט קריגט מען דעם כח אויף אט דעם ענין?

ד.ה. אז לויט דעם ווי הסידות איז מבאר אז דער טעם פארוואס מען מאכט שמח"ת ניט בו׳ בסיון נאר לאחרי יו"כ דוקא, איז דאס ווייל דעמאלט האט מען געגעבן די לוחות אחרונות, איז די שאלה: לויט ווי מ׳האט פריער גערעדט אז די שמחה פון שמח"ת איז מצד דעם וואס דעמאלט האט א איד בכח אז ער זאל קענען נעמען כל התורה כולה באופן באי"ע - ולכאורה אט דעם כח האט ער שוין גלייך ביו"כ, האט מען געדארפט מאכן שמח"ת גלייך ביו"כ אדער במוצאי יו"כ, און ניט ווארטן ביז לאחרי חגה"ס?

דער ביאור אין דעם: אויב מ׳וואלט מאכן שמח"ת גלייך נאך יו"כ איז דאס היפך ענין התורה, ווארום ענין התורה איז ניט אן ענין פון בכח, נאר די כוונה איז אז עס זאל זיין בגילוי ובפועל, ווארום "תורה לא בשמים היא" (ראה ב"מ נט,ב), נאר עס איז אראפגעקומען דוקא למטה אין אן ענין פון גילוי און אן ענין פון פועל, וואס דערפאר קען מען ניט מאכן שמח"ת ביו"כ אדער גלייך נאך יו"כ, ווארום דעמאלט האט מען די תורה בלויז בכח, און דער תכלית איז דאך אז דאס זאל אראפקומען פון כח אין א פועל.

דערפאר ווארט מען ביז שמח"ת, ביז מ׳הויבט אן לערנען בתורה, און דוקא לאחרי זה וואס מ׳האט דאס פארבונדן מיט א פועל, לכה"פ אביסל, און מ׳האט געמאכט א התחלה אין לימוד התורה בפועל, דאן מאכט מען שמחת התורה.

און דאס קומט אויך לאחרי די עבודה פון סוכות: ווי-באלד אז ער האלט לאחרי די עבודה פון יו"כ, עבודת התשובה, וואס תשובה מאכט אים פאר א ברי׳ חדשה, דארף ער דערנאך אנהויבן זיין עבודה מיט א סדר - קומט פריער ענין המצות און דערנאך לימוד התורה: כשם ווי עס איז געווען ביי מ"ת, אז אלס הקדמה לזה האבן די אידן מקדים געווען נעשה לנשמע, ד.ה. אז נאך פאר דעם וואס זיי האבן געקענט צוקומען צו תורה (נשמע) האבן זיי פריער



הנחת הת׳ בלתי מוגה

פריער געדארפט האבן דעם נעשה, עד"ז בעניננו, אז נאך יו"כ ווען דער מענטש ווערט א ברי' חדשה, איז די ערשטע זאך וואס ער דארף טאן איז דער ענין המצות, דערפאר איז דאן אין די ד' ימים שבין יו"כ לסוכות איז מען פארנומען מיט דער הכנה אויף מצות סוכה און מיט דער הכנה אויף מצות ד' מינים [וואס דערפאר זאגט דער מדרש (תנחומא אמור כג,מ) אז סוכות איז דער "ראשון הוא לחשבון עוונות", ווייל ביז סוכות איז מען פארנומען צוגרייטן מצות סוכה און מצות ד' מינים], און דערנאך בימי הסוכות האט מען די מצוה פון סוכה בפועל און די מצוה פון ד' מינים בפועל, און דערנאך ערשט קען ער אנהויבן מיט לימוד התורה.

דערפאר מוז מען ווארטן מיט שמח"ת ביז נאך ימי הסוכות, ווארום די שמחה פון שמח"ת קען זיין דוקא בשעת ס'איז דא לימוד התורה בפועל, און מ'קען ניט אנהויבן מיט לימוד התורה ביז ס'איז פריער דא די הכנה פון מצות.

ביז אז אין ענין התורה גופא זיינען אויך דא אט די צוויי ענינים: פריער זיינען דא די הקפות און די ריקודים מיט דער תורה, און דאס גרייט צו אז דערנאך זאל מען קענען לערנען תורה בפועל, ווארום די ריקודים זיינען מגלה די עצם הנשמה, בדוגמא ווי דער ענין פון הקדמת נעשה לנשמע, און דערנאך ערשט קען ער אנהויבן לערנען תורה.

דאס איז די שמחה פון שמח"ת, בשעת מ'מאכט עכ"פ א התחלה אין לימוד התורה בפועל, און דוקא דעמאלט קען מען מאכן א שהחיינו אויף תורה, ע"ד ווי בשעת מ'דארף מאכן א שהחיינו אויף א פרי, איז ניט גענוג דאס וואס מ'ווייס אז ס'איז דא א בוים וואס אויף דעם בוים וואקסט א פרי, נאר כל זמן די פרי ליגט ניט ביי אים אויפן טיש קען ער ניט מאכן קיין שהחיינו, דוקא בשעת די פרי ליגט שוין ביי אים אויפן טיש, קען ער מאכן שהחיינו, ווי עס שטייט אין סידור בנוגע דעם שהחיינו וואס מ'מאכט בליל ב' דר"ה "ויתן עיניו בו ויאמר שהחיינו" (וראה שו"ע אדמוה"ז סת"ד ס"ו).

אזוי איז דאס אויך אין דעם ענין פון שמח"ת, אז ווען קען זיין די שמחה פון שמח"ת און ווען קען מען מאכן א שהחיינו אויף תורה, ניט ווען מ'האט די תורה בכח, נאר דוקא בשעת מ'האט שוין געמאכט א התחלה אויף תורה בפועל - עס דארף ניט זיין מער ווי א התחלה, אבער עכ"פ א התחלה דארף זיין אין לימוד התורה בפועל, וואס דעמאלט דוקא האט מען דעם אמת'ן ענין פון תורה.

ד. לפי"ז קען מען דאך אבער מיינען אז ס'איז גענוג לימוד התורה אליין, און אלס דעם וואס תורה איז א חכמה נעליה ביותר כמ"ש (ואתחנן ד,ו) "היא חכמתכם ובינתכם לעיני העמים", אז ס'איז בלויז אן ענין פון חכמה ובינה - דארף מען וויסן אז עס איז ניט אזוי, נאר דער תכלית פון לימוד התורה איז אז דאס זאל אראפקומען אין הרגש שבלב, און "לבא פליג לכל טייפין", אז דאס זאל אראפקומען ביז אין מעשה בפועל,

ביז

הנחה הת' בלתי מוגה

ביז דאס זאל דורכנעמען אויך דעם עקב שברגל, ווי די שיחה פון ("ויהי בשלשים שנה") דרייסיק יאר צוריק, פון שמח"ת תש"א (ספה"ש תש"א ע' 31), וואס כ"ק מו"ח אדמו"ר האט דערציילט אז בשמח"ת געפינען די מלאכים אין ג"ע פאדמיאטקעס און פאנטאפל, וואס דאס איז פון די ריקודים פון אידן בשעת ההקפות; וואס דאס זיינען דאך פון דעם נידעריקסטן טייל פון דעם מנעול גופא, און דאס איז געמאכט געווארן פון דעם עור וואס מ'נוצט אויף מאכן א לבוש אויף די רגלים,

[עס זיינען דא עורות פון וואס מ'מאכט תפילין, אדער מ'קען פון עור מאכן א לבוש פארן קאפ, אבער דא רעדט מען וועגן דעם עור הטייך צום לבוש שעל הרגלים],

און אין דערויף גופא איז דאס דער נידעריקסטער טייל, נים פון די רצועות פון די נעלים [ווי עס פלעגט אמאל זיין דער סדר בזמן הש"ס און שפעטער אז פון די נעלים פלעגן ארויס־גיין רצועות וועלכע האבן דערגרייכט ביז די שוקיים], נאר דא רעדט מען וועגן דעם חלק התחתון שבהנעל, פאדמיאטקעס, און דוקא אין דעם איז אראפגעקומען די שמחה פון שמח"ת, ווי ער זאגט אין דער שיחה, וכפי שיתבאר לקמן (בשבת בראשית (התועדות הב')).

וואס דאס באווייזט אז דער לימוד התורה דארף אראפקומען ביז אין א מעשה בפועל.

ואדרבה: מיט דעם דארף ער אנהויבן, ער דארף אנהויבן מיט די פיס, ווי מ'זעט אז בשעת מ'טאנצט, איז בדרך הרגיל איז די ערשטע זאך הויבן זיך אויף פון דער ערד די פיס, ד.ה. אז מ'הויבט זיך אויף פון ארציות דורך דעם וואס מ'הויבט זיך אויף מיט די פיס.

עס קען זיין אז מ'זאל זיך איבערקולען און די קאפ זאל זיין פון אונטן, וואס דאן הויבט ער זיך און ער טאנצט מיט דער קאפ, דאס איז אבער נים קיין נארמאלער סדר פון טאנצן, אויב נאר ער איז א נארמאלער מענטש איז דער סדר אז ער הויבט זיך אויף ע"י וואס ער שטופט זיך ארויף פון דער ערד מיט די פיס, און ע"י הויבן זיך אויף אויך זיין מוח ולב – ווארום עס קען דאך זיין אז מ'זאל זיצן אויף אן ארט און אויפהויבן נאר די פיס, שמח"ת אבער דארף מען טאנצן און נים זיצן אויף אן ארט, וואס באופן כזה איז ע"י וואס ער טאנצט און הויבט זיך אויף מיט די פיס, הויבן זיך אויף אויך זיין ראש און לב.

און דאס איז די כוונה פון תורה, אז תורה זאל דעם מענטשן אינגאנצן דורכנעמען פון זיין מוח שבראש ביז אין מעשה בפועל, ביז אין זיינע רגלים, ביז דעם עקב שברגל, און ווי עס שטייט (בראשית כו,ה) אויף אברהם אבינו "עקב אשר שמע אברהם בקולי", אז ביי אברהם אבינו איז אפילו דער עקב שברגל אויך "שמע בקולי" (ספה"מ תש"ח ע' 253).

דעמאלט אז עס וועט זיין דער "בהוקותי תלכו", וועט זיין דער "ונתתי גשמיכם בעתם", און ווי דער בעש"ט טייטשט דעם

דעם ווארט גאמיכם "איירע גשמיות", ביז "ונתתי שלום בארץ", און עס וועט זיין א שנת תורה שנת שלום וכו' ביז צו דעם סיום אין דעם סדר פון תשר"ק, א שנה אורה שנת ברכה שנת גאולה וכו', ע"י משיח צדקנו בקרוב ממש.

ה. עפ"י האמור לעיל אז עס איז ניט מספיק דאס וואס מען האט תורה בכח, נאר מ'דארף לערנען תורה בפועל, וואס דערפאר מאכט מען שמח"ת ניט גלייך נאך יוכ"פ, נאר שפעטער ווען ס'איז שוין פאראן א התחלה אין לימוד התורה בפועל - איז פונקט ווי דאס איז בנוגע כלל ישראל, אזוי איז דאס אויך ביי יעדער יחיד:

ס'איז ווייניק דאס וואס ביי אים וועט זיין דער ענין פון לימוד התורה בכח, אז ער וועט געבן געלט אז אנדערע זאלן קענען לערנען וכו', נאר מ'דארף אליין לערנען בפועל, און אפילו דער וואס איז א בעל עסק, און ער פירט זיין עסק עפ"י תורה, ביז אז כל מעשיך לשם שמים (אבות ב,יב), אדער נאך העכער בכל דרכיך דעהו (משלי ג,ו), דארף ער אבער וויסן אז דאס פטר'ט אים ניט פון לימוד התורה, און דוקא דאס איז די כלי אז עס זאל נתקבל ווערן אלע המשכות מתוך הצלחה, ביז אז דאס פועל'ט אפילו אויף גוים אז זיי זאלן דערהערן אז דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט, ווי די גמרא (מגילה ט,א) דערציילט אז בשעת מען האט מתרגם געווען די תורה בימי תלמי פאר גוים האט מען געשריבן "אלקים ברא בראשית", וואס דאס זאגט ארויס קלאר אז דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט,

[אידן ווייסן אז "בראשית ברא אלקים", אז אפילו שם אלקים איז אויך א בריאה, ווארום דער שם הוי' איז העכער, משא"כ גוים ווייסן ניט פון שם הוי' בלויז פון שם אלקים, דערהערן זיי אז "אלקים ברא בראשית" - אבער זיי דערהערן אז דאס קומט פון אויבערשטן],

וואס דאס גופא (אז זיי זאלן עס דערהערן) ווערט אויך ע"י התורה.

דערפאר בשעת עס קומט שמח"ת, איז לא כדעת הטועים אז זיי דארפן אננעמען אויף זיך א החלטה אז זיי זאלן זען אז אנדערע זאלן קענען לערנען, ובפרט אז זיי זיינען מייחד תלמידי חכמים וועלכע זאלן זיצן און לערנען, וואס מ'קען מאכן דעם חשבון אז ער האט ניט קיין גוטע כשרונות, און ער קען ניט אזוי פיל מצליח זיין אין לערנען, דערפאר וועט ער געבן געלט אז אנדערע וועלכע האבן גוטע כשרונות און קענען מצליח זיין אין לערנען, אז זיי זאלן קענען זיצן און לערנען, און ער אליין וועט טאן אין עסק כדי ער זאל קענען האבן די געלט זיי צו געבן,

זאגט מען אז יעדער איד איז מחוייב אליין צו לערנען תורה, ביז אפילו דער וועלכער איז זיך אוסק בצרכי ציבור, וואס ער איז פטור עפ"י תורה פון אלע עניניט וכו' - זאל אויך ניט טראכטן אז ער דארף ניט לערנען תורה, נאר ער דארף וויסן אז דאס פטר'ט אים ניט פון זיינע שיעורים בתורה, ווארום יעדער איד

איז מחוייב

בנחת הת' בלתי מוגה

איז מחוייב בקביעות עתים לתורה צוויי מאל בכל מעל"ע, בכל יום ובכל לילה, ווי ער זאגט אין שו"ע (אדה"ז סקנ"ה ס"א). און דאן וועט ער אויך האבן הצלחה אין אלע זיינע עניני הכלל וואס ער טוט, וואס דער כוס של ברכה בא אידן אויף אלע עניניט איז תורה,

אויב מ'איז דאס מהליט מיט אן אמת, ובפרט אין דעם עת רצון פון שמח"ת, וועט מען דאס זיכער קענען דורכפירן, און מ'דארף וויסן אז אויב ביי אים וועט אויפקומען א פארקערטע סברא, איז דאס א טענה פון דעם מלך זקן וכסיל (קהלת ד,יג) - ובמילא וואס האט ער וואס צו נתפעל צו ווערן פון אים, פון א כסיל? א נארמאלער מענטש ווערט ניט נתפעל פון א כסיל!

ואדרבא: דורך דעם וואס ער וועט לערנען תורה וועט ער אים גופא מהפך זיין לטוב; ובפרט אז מ'קומט נאך דער עבודה פון יוה"כ, ווען ס'איז געווען דער סלהתי כדברך, וואס רעמאלט האט מען מהפך געווען אז זדונות נעשות לו כזכיות (יומא פו,ב) ביז "זכיות" ממש (אן א כ"ף הדמיון), וואס דאס פועל'ט אז עס זאל זיין "ואולך אתכם קוממיות" (בחוקותי מו,יג), אז פון "בחוקותי תלכו - שתהיו עמליט בתורה" (פרש"י שם), קומט מען צו אלע ברכות המנויות בפרשה, ביז צו "ואולך אתכם קוממיות", שתי קומות (ב"ב עה,א), פון יצ"ט און יצה"ר, וואורום וויבאלד ער האט מהפך געווען דעם נפה"ב לטוב, האט ער שתי קומוה, פון יצר טוב ויצר הרע, און פון נפש האלקית ונפה"ב,

ובמילא פועל'ט דאס אויך אז פון "רגשו גוים ולאומים יהגו", איז מען מהפך אז עס זאל ווערן דער "כי אז אהפך אל עמים גו' לקרא כלם בשם ה' לעבדו שכם אחד", בביאת משיח צדקנו בקרוב ממש.

ו. מ'האט פריער גערעדט אז שמח"ת איז פארבונדן מיט די לוחות אחרונות וועלכע זיינען געגעבן געווארן ביוה"כ, זעט מען דא נאך אן ענין: יוה"כ איז דאך דער זמן היותר מקודש בשנה, וואס דערפאר איז דעמאלט געווען דער עיקר עבודה בכהן גדול וואס אין נפש איז ער דער מקודש יותר פון כלל ישראל, און דעמאלט איז ער אריינגעגאנגען אין קדה"ק וואס אין מקום איז דאס מקודש ביותר, ד.ה. אז סיי אין עולם סיי אין שנה און סיי אין נפש איז אלץ געווען מקודש ביותר,

און דוקא דאן איז די כפרה וואס דער כה"ג האט אויפגעטאן ביוה"כ געווען פארבונדן מיטן תנאי פון "וכפר בעדו ובעד ביתו" (ויקרא טז,ו-יא), ו ומרז"ל (יומא ב,א) "ביתו זו אשתו", וואס דאס איז געווען נוגע ניט נאר צו דער כפרה וואס דער כה"ג האט געבעטן פאר זיך און זיין משפחה, נאר אויך צו דער כפרה פון כלל ישראל איז געווען נוגע דער "ביתו זו אשתו", וואורום אויב דאס וואלט געפעלט וואלט ער ניט געקענט טאן קיין שום עבודה, אפילו ניט די עבודות וואס זיינען נוגע צום כלל ישראל.

און